NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13054

DI POST

Samuil Iakovlevich Marshak

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. מאַרשאַק

די פּאָסט

„קינדער־פֿריינד“, װאַרשע

ס. מאַרשאַק

די פּאָסט

יידיש: מ. מאַן

„קינדער-פֿריינד“, וואַרשע 1935

צייכענונגען אין טעקסט
לויט מ. ציעכאַנאָווסקי

S. Marszak: DY POST

Tłum. M. Man.

„Kinder-Frajnd", (wydanie „B")

W a r s z a w a 1935

געזעצט ביי ה. גלאנץ, האַ־שע, טלאָמסקע 4

Druk. „Renoma", Warszawa

1

װער קלאַפּט דאָס דאָרטן אין דער טיר
מיט אַ פֿולן טאַש צו מיר,
מיט ציפֿער פֿינף אױף מעשן קװיטל
אױף זײַן אוניפֿאָרמיש היטל?
דאָס איז ער,
דאָס איז ער,
אונדזער לאָדזשער בריװטרעגער.

ס'איז ביי אים
בריוו א כאַר
היינט אין טאַש
אויף דער זייט:
פון לובלין
און בענדין,
און פון נאָענט,
און פון ווייט.

זיבן א זייגער גייט אַרויס ער
און צו צען אין טאַש איז לויזער,
און ווען צוועלף האט אויסגעשלאָגן,
ט'ער שויז אַלע בריוו צעטראָגן.

2

— רעקאָמענדירטער פון לובלין
פאַר בירגער אַלעקסאַנדער גרין!
— רעקאָמענדירט פאַר אַלעקס גרינען?
אָ, איר וועט אים נישט געפינען!
— וווּ־זשע איז דער בירגער גרין?
— אָפּגעפלויגן קיין בערלין.

3

קיין אויסלאַנד פון דאַן׳
פליט גרין אין עראָפּלאַן —
די ערד אונטן קאָליריק זיך צירט.
און גרינען יאָגט אָן
א פאָסט־וואַגאָן
מיט דעם בריוו — רעקאָמענדירט.

אויף די פּאָליצעס זעקלעך,
פּאַקעטן און פּעקלעך
ווערן סאָרטירט אונטערוועגנס.
צוויי פאָסט־לייט שוין לאַנג
איבער נאַכט אויף א באַנק
אין וואַגאָן זיך באַוועגן.

א קאַרטל — קיין פּלאָצק
א פּעקל — אין אָטוואָצק,
א צייטונג קיין וואָלאָזשין,
א בריוו - קיין מאַלאַריטע,
און דאָס רעקאָמענדירטע
קיין אויסלאַנד וועט גיין קיין בערלין.



4

גייט בערלינער בריוונטרעגער
פול מיט פרישער פּאָסט באַלעגערט;
ביידע רייען קנעפּ געדיכט
גלאַנצן ווי עלעקטריש ליכט;
אויסגעפּרעסט די הויזן גלאַט –
וויסנשאַפטלעך אַקוראַט.

מענטשן איילן זיך און יאָגן,
טראַמווייס זיך אויף שינעס טראָגן,
„אונטער דען לינדן" קיין מאַשין
זשאַלעוועט נישט קיין בענזין.

קומט דער בריווטרעגער צום טיר,
גריסט דעם אַלטן שווייצער: היד
א בריוו פאַר העררן גרין געבראַכט,
וווינט ביי אייך אין נומער אַכט!
— היינט א זייגער דריי באַגיז
קיין ענגלאַנד אָפּגעפאָרן גרין.

א בריוו
אליין
וועט אין ערגעץ נישט גיין.
נאָר וואַרף אים אין קעסטל טיף
וועט ער זיך טראָגן
און יאָגן,
אויף יאַמען זיך איילן
אויף טויזנטער מיילן.

א בריוו איז נישט שווער
צו זען א וועלט,
ווייל ער
דאַרף נישט קיין בילעט.
פאַר קופּערנע געלט
פּאָרט אַרומעט די וועלט
רעקאָמענדירט —
דער פּאַסאַזשיר.

אונטערוועגס
נישט ער טרינקט, נישט ער עסט,
נאָר איינס
כאַזוערט איין:

דרינגענד. ענגלאַנד. לאָנדאָן וועסט. באָבקין סטריט.



6

וווּ׳סט זיך קערן, וווּ׳סט זיך ווענדן –
אויטאָבוסן הענדום־פּענדום
יאָגן, דרייען זיך, פאַרמישן
מיט פּלאַקאַטן און אַפישן.
שרייט קאָנדוקטאָר: באָבקין=סטריט!
ס׳איז געענדיקט דער מאַרשרוט!

אויף באָבקין־סטריט, אויף באָבקין־סטריט
שפּרייזט געלאַסן מיסטער סמיט
שטייף אין זיין מונדיר און שטאָלץ,
לאַנג און דאַר ווי אַ שפּענדל האָלץ.

בּיים נומער צען ער שטעלט זיך אָפּ,
פֿון טיר א העמערל הענגט אַראָפּ.
ער קלאַפּט און זאָגט מיט שטרענגער שטים:
— פֿאַר מיסטער אַלעקסאַנדער גריי!
דער שווייצער דורך די בּרילן קוקט
אויף דעם נאָמען און פֿאַמיליע.
— מיסטער גרין? — טוט ער אַ זאָג —
אַפּגעפֿאָרן קיין בּראַזיליע.

7

די שיף איז גרייט
און זי גייט
אָפּ אין צוויי מינוטן.
פּוז א צייט
שוין פארנומען
די קאַיוטן.
נאָר בלויז איינע
א קאַיוטע
נישט מיט וואַליזעס באַלאָדט מען.
פאָרן דאָרט וועט אָט נאָר וואָס:
דער פאסט־מאַן און די פּאָסט.

אונטער פּאַלמעס פֿון בראַזיליע,

אין גרויסער היץ פֿון באַגין־אָן,

שפּאַנט אַצינדערט דאָן בּ: אַזיליאָ—
בּראַזיליאַנער פּאָסטיליאָן.

ער האלט אין האנט אן אויסטערלישן
שטארק צעקנייטשטן בריוו=פּאקעט.
די מארקע איז מיט אויסלענדישע
שטעמפּלען פול פארקלעפּט.

מיט אויפשריפט איבער דער פאמיליע,
אז דער אדרעסאט איז שוין
אָפּגעפאָרן פון בּראַזיליע
גאָר קיין לאָדזש צוריק אהיים.

9

וועך קלאַפּט דאָס דירטן איז דער טיר
מיט אַ פולי טאַש צו מיר,
מיט ציפּער פינף אויף מעשן קוויטל
אויף זיין אוניפאָרמיש היטל?
דאָס איז ער,
דאָס איז ער,
אונדזער לאַדזשער בריוועטרעגער.

—

ווידער שטרעקט ער אויס די האַנט:
—פאַר בירגער גרין אַ בריוו פאַראַן!
— פאַר גרינען?
— עי, אַלעכּס, דו!!
שרייב זיך אונטער און נעם צו!

מיין אלעקס שפרינגט אין בעט אזש אונטער:
— אָט איז ווונדער איבער ווונדער!
גיב א קוק, דער קאָנווערט
האָט ארום דער גאנצער ערד
זיך נאך מיר ארומגעטריבן,
אויף אמאזאָנקע זיך פארקליבן,
און נאָך מיר האט זיך געטראָגן
אי אין שיפן, אי אין צוגן,
איבער באַרג און טאָל געלאָפן,
ביז ר'האָט ענדלעך מיך געטראָפן.

ביסט, ברודער בריוונטרעגער, ווערט,
פון אונדז געליבט זיין און פארערט!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 30 גר. № 2. MARZEC 1935

„Kinder - Frajnd"

DWUTYGODNIK **Wydanie B**

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24.

צווייטע אויפלאגע